*ב"ה*

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

## פרשת ויגש

### ויגש (א)

אויפ'ן פסוק "ואת יהודה שלח לפניו אל יוסף להורות לפניו גושנה" זאגט רש"י בשם המדרש: "לתקן לו בית תלמוד שמשם תצא הוראה" (יעקב האט געשיקט יהודה קיין מצרים כדי צו איינארדענען דארט א ישיבה אויף לערנען תורה). יעקב האט דאס געטאן נאך *פאר* זיין קומען אהין ווייל תורה איז דער גאנצער קיום און לעבן פון א אידן.

דארף מען אבער פארשטיין:

וואס האט יעקב געדארפט שיקן א באזונדערן שליח קיין מצרים צו מאכן דארט א מקום תורה - דארט איז שוין פון פריער געווען יוסף, האט ער דאך געקענט מתקן זיין דעם בית תלמוד דורך יוסף. און נאכמער: חז"ל זאגן אז מימיהן של אבותינו לא פרשה ישיבה מהם (אז פון די צייט פון די אבות איז לערנען תורה אלעמאל געווען) - איז דאך ביי יוסף מסתמא אויך אזוי געווען. ובפרט לויט דעם פירוש רז"ל אויפ'ן פסוק "כי בן זקונים הוא לו" אז יעקב האט איבערגעגעבן יוסף אלץ וואס ער האט געלערנט?

דער ענטפער איז:

דער אונטערשייד צווישען יוסף און די אנדערע שבטים איז געווען: די שבטים זיינען געווען אפגעזונדערט פון וועלט. זיי האבן אויסגעקליבן צו זיין "רועי צאן", כדי וואס ווייניגער צו האבן צוטאן מיט עולם הזה, עס זאל זיי ניט שטערן צו תורה און עבודה. יוסף איז ניט אזוי געווען. ער איז געווארן דער משנה למלך מצרים און איז געווען פארנומען מיט פיל עניני עולם הזה. פונדעסטוועגן האט עס עם ניט געשטערט צו שטיין בשעת מעשה נאענט צום אויבערשטן.

איז אמת טאקע אז יוסף איז געשטאנען אין זייער א הויכע מדריגה, אבער בנוגע לימוד התורה האט זיין לערנען ניט געקענט זיין אין אן אופן פון תכלית השלימות, תורתו אומנתו. כאטש אז ביי יוסף אליין האט ח"ו ניט געפעלט - איז אבער צוליב קיום העולם, האט יעקב געשיקט יהודה, צו אויפשטעלן א ישיבה אין מצרים. ער איז געווען א רועה צאן, אפגעזונדערט פון וועלט. ער וועט אויפשטעלן א ישיבה וואו די וואס לערנען תורה זאלן כלל ניט האבן צוטאן מיט אנדערע ענינים, נאר זייער גאנצער עסק זאל זיין נאר לערנען תורה אליין.

(לקו"ש ח"ג ע' 827)

# ויגש (ב)

אין תהלים ווערן אלע אידן אנגערופן מיט'ן נאמען "יוסף", ווי עס שטייט (תהלים פ, ב) "נוהג כצאן יוסף". דער טעם איז ווייל יוסף האט געשפייזט זיין גאנצע משפחה אין די הונגער יארן, ווי עס שטייט "ויכלכל יוסף גו' ואת אחיו גו' לחם לפי הטף" (יוסף האט געשפייזט די ברידער גו' אויך ברויט פאר די קליינע קינדער). וויבאלד זיי האבן געלעבט פון יוסף'ס שפייז הייסן זיי אויף יוסף'ס נאמען.

דארף מען פארשטיין:

פארוואס זאלן אידן אלעמאל ווערן אנגערופן "יוסף" צוליב דעם וואס ער האט זיי געשפייזט מיט פיל יארן צוריק און בלויז אויף א קורצע צייט?

דער ענטפער איז:

דאס וואס יוסף האט געשפייזט די ברידער איז ניט געווען נאר א צייטווייליגער זאך, נאר ער איז משפיע צו אידן אין אלע צייטן.

דער אלטער רבי ברייננגט אין תניא (פון זהר):

די ברידער האבן געטאן פיל שלעכטס צו יוסף. זיי האבן עם פארקויפט פאר א קנעכט. אנשטאט זיין א פרייער מענטש אין ארץ כנען און קענען לערנען תורה פון יעקב'ן, איז ער געווארן א קנעכט אין דעם טמא'דיקען לאנד פון מצרים. דערנאך איז ער ארייננגעזעצט געווארן אין תפיסה.

וואס קען שוין זיין ערגער?

פונדעסטוועגן ווען די ברידער און יעקב זיינען אראפ צו לעבן אין מצרים, האט זיך יוסף ניט נוקם געווען אין זיי. ער איז געווען משנה למלך מצרים און ער האט זייער גרינג געקענט אפצאלן זיי דאס שלעכטס וואס זיי האבן מיט עם געטאן. אבער יוסף האט ניט אזוי געטאן. ער איז געווען א "גומל לחייבים טובות" (איינער וואס טוט גוטס אויך מיט די וואס זיינען שולדיג און ניט ווערט). ער האט זיי געשפייזט אין די יארן פון הונגער.

אזוי דארף זיך יעדער איינער פירן מיט די וואס באגייען אנטקעגן עם אן עולה, ניט נאר זאל ער ניט אפצאלן וואס קומט זיי ח"ו, נאר אדרבה "לגמול לחייבים טובות".

לויט דעם איז פאשטאנדיק וואס אידן ווערן אנגערופן מיט'ן נאמען "יוסף". ווייל די מדה טובה איז יוסף משפיע צו אידן. דער כח צו פירן זיך אין דעם וועג באקומען מיר פון יוסף הצדיק.

(לקו"ש ח"ה ע' 239)

---

Back to "Leben Mit Der Tzeit"

ב"ה

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

---

## ה' טבת

---

ה' טבת תשמ"ז האט מען אנגעזאגט די בשורה טובה אז "דידן נצח", די ספרים פון רבותינו נשיאנו באלאנגען צו דער ספריית ליובאוויטש. די שמחה איז געווען גרויס, אן א גרעניץ. נאך מנחה האט דער רבי ערקלערט פארוואס עס זיינען לכתחילה געווען די שוועריקייטן.

* * *

אין היינטיגן שיעור חומש (פרשת ויגש) זאגט יוסף צו זיינע ברידער: "לא אתם שלחתם אותי הנה כי האלקים" (ניט איר האט מיר געשיקט דא אין מצרים, נאר דער אויבערשטער האט מיר געשיקט). די ברידער האבן געפילט שלעכט אז זיי האבן פארקויפט יוסף. זיי האבן געמאכט פון א זון פון יעקב אבינו, א קנעכט פון מצרים! האט זיי יוסף געזאגט: ניט איר האט מיר געשיקט אין מצרים, נאר דער אויבערשטער.

פארוואס האט ה' געשיקט יוסף'ן אין מצרים?

"כי למחי' שלחני אלקים" (צו שפייזן אייך האט מיר דער אויבערשטער געשיקט). עס איז געווען א הונגער. יעקב מיט זיינע זין וואלטן געשטארבן פון הונגער. האט דער אויבערשטער געשיקט יוסף אין מצרים צו ווערן דער משנה למלך צו קענען שפייזן זיין משפחה. דאס הייסט, אז דאס וואס יוסף האט געליטן אין מצרים זייענדיק ווייט פון טאטען, זייענדיק א קנעכט, און זיצנדיק אין תפיסה - איז דאס אלץ געווען דעם אויבערשטענ'ס וועג פון פירן צו דעם אז יוסף זאל קענען שפייזן זיינע ברידער.

אזוי דארף מען אויך פארשטיין די אלע שוועריקייטן וואס עס זיינען געווען מיט די ספרים. אלץ איז נאר כדי ארויסצוברייינגען פון אונז מער תורה, מער גמילות חסדים און מער פארשפרייטן אידישקייט און חסידות.

מיר דארפן פארשטארקן דעם מבצע פון מאכן פון אונזער שטוב א מקדש מעט. אונזער שטוב זאל זיין פול מיט לערנען תורה, דאווענען און העלפן א חבר.
(משיחת ה' טבת תשמ"ז)

---

Back to "Leben Mit Der Tzeit"